**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז CUMMINS'ס דזשעימסטאון מאטאר פאבריק וועט אינוועסטירן 452 מיליאן דאלאר צו פראדוצירן די אינדוסטריע'ס ערשטע 'פיוּעל-אגנאָסטיק' מאטאר פלאטפארמע

***Cummins צייכנט היינט אפ א פראדוקציע ערגרייכונג מיט איר 2.5 מיליאנסטע מאטאר בשעת'ן פלאנירן פאר א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט***

***זעהט בילדער פון Cummins דזשעימסטאון מאטאר פאבריק דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די גלאבאלע מאכטפולע פירמע און טעכנאלאגישע פירממע (NYSE:CMI) .Cummins Inc אינוועסטירט 452 מיליאן דאלאר אין איר 998,000-סקווער-פיסיגע דזשעימסטאון איינריכטונג, וואו פראדוקציע וועט אויסנוצן א רייע פון סארטן ברענשטאף וואס זענען נידעריג אין קארבאן, אריינרעכענענדיג נאטורליכע גאז, און וואו עס וועט געברענגט ווערן צו זיין אין איינשטימונג מיט "דעסטינאציע זעראו", Cummins'ס סטראטעגיע צו גיין ווייטער און שנעלער מיטן רעדוצירן שעדליכע גאזן און שאדנס צו די לופט קוואליטעט פון אירע פראדוקטן און צו אנקומען צו זיין פולשטענדיג עמיסיע-פריי ביז 2050. אין צוגאב, האט Cummins אנאנסירט אז זי האט פראדוצירט איר 2.5 מיליאנסטע מאטאר ביי די פירמע'ס דזשעימסטאון מאטאר פאבריק, אזוי ווי Cummins זעצט פאר צו אויספלאסטערן א וועג פאראויס אין די ריכטונג פון א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר אירע פראדוקטן און פאר ניו יארק סטעיט. די X15N, אפיציעל נומער 2,500,001, איז א 15-ליטער נאטורליכע גאז מאטאר, טייל פון די ערשטע 'פיוּעל-אגנאָסטיק' אינערליכע פארברענונג מאטאר פלאטפארמע (א מאטאר וואס קען ווערן צוגעפאסט צו נוצן פארשידענע סארטן ברענשטאף) וואס ווערט פראדוצירט ביי די דזשעימסטאון מאטאר פאבריק. די פירמע האט אויך פארשפראכן צו שאפן 90 נייע דזשאבס דורך די אינוועסטירונג.

"Cummins'ס דזשעימסטאון מאטאר פאבריק איז נישט בלויז די גרעסטע ארבעטסגעבער אין שעטאַקווע קאונטי, נאר עס איז אויך א כוח וואס אינוועסטירט אין די סאמע פראנט פון טעכנאלאגיעס צו העלפן ניו יארק און דאס לאנד זיך רוקן פאראויס צו א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך גראטולירט די ערפינדנדע מעניופעקטשורינג פירער אויף איר אינוועסטירונג און פארפליכטונג צו אירע ארבייטער און צו ניו יארק סטעיט."

**סריקאנט פעדמענאבהאן, וויצע פרעזידענט און פרעזידענט פון Cummins Engine Business, האט געזאגט,** "אונזערע ארבייטער זענען שעפעריש מיטן טרעפן נייע וועגן צו ארבעטן אויף א וועג וואס נוצט אויס ווייניגער פון די וועלט'ס נאטורליכע קוועלער, און די מאטאר ביזנעס געפונט זיך אין די צענטער פון די באגייסטערנדע ערפינדונגען. אונזער 'פיוּעל-אגנאָסטיק' פלאטפארמע בויט ארויף אויף צענדליגע יארן פון ערפארונג אין די פראדוקטן וועלכע פירן די דעזיינינג און מעניופעקטשורינג אינדוסטריעס דא אין

דזשעימסטאון. עס איז א וועזנטליכע חלק פון אונזער צוזאג צו העלפן קליענטן רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס."

מער פון האלב פון אלע מיטלמעסיגע און שווערע טראקס אויף די שאסייען אין די פאראייניגטע שטאטן היינט באנוצן זיך מיט Cummins מאטארן, און אינדוסטריע פירער ווייזן ארויס אן אינטערעסע אין די לעצטע מאטארן פון די דזשעימסטאון מאטאר פאבריק (Jamestown Engine Plant, JEP); Knight-Swift Transportation, Ryder און United Parcel Service (UPS) וועלן זיין צווישן די ערשטע פלאטעס צו אנהויבן אויספרובירן די ערשטע X15N מאטארן. די פארגעשריטענע מאטאר איז די ערשטע נאטורליכע גאז מאטאר צו ווערן ספעציעל דעזיינט פאר שווערע טראקס, האבנדיג ביז אזויפיל ווי 500 האָרספּאַווער, און עס איז א קריטישע טריט פאראויס פאר די צוקונפט פון די שווערע טראנספארטאציע פלאטעס און די טראק אינדוסטריע'ס וועג צו אנקומען צו ווערן עמיסיע-פריי.

די דזשעימסטאון פאבריק איז קריטיש צו Cummins'ס לאנג-טערמיניגע "דעסטינאציע זעראו" און פאר איר זאפאס פון פארגעשריטענע מאטארן, און עס פארבלייבט איינס פון די פירמע'ס גרעסטע מעניופעקטשורינג איינריכטונגען. די פאבריק איז שוין אפן פאר 49 יאר, און עס האט מער פון 1,500 ארבייטער און דינט 1,949 אקטיווע קליענטן. די JEP זעצט פאר צו זיין די גרעסטע פריוואטע ארבעטסגעבער אין שעטאַקווע קאונטי.

Cummins איז איבערגעגעבן צו פארשטערקערן די קאמיוניטיס וואו זי אפערירט, צו האבן א דירעקטע השפעה אויף די לעבנס פון אירע ארבייטער און שכנים. די אינוועסטירונג איז געווידמעט צו היטן אויף טויזנטע יעצטיגע אינדזשענירונג און מעניופעקטשורינג דזשאבס און צו שטיצן דאס ברענגען נאך הונדערטע נייע דזשאבס אזוי ווי Cummins אינוועסטירט אין אירע מענטשן און איינריכטונגען צו פארמערן ערפינדונגען און מעניופעקטשורינג און צו פארשנעלערן אירע באמיאונגען צו אויפהערן נוצן קארבאן. די פירמע איז פארפליכטעט צו צושטעלן די טרייב קראפט פאר א מער בליהענדע וועלט פאר אירע קליענטן און אריגינאלע עקוויפמענט מעניופעקטשורער (Original Equipment Manufacturer, OEM) שותפים דורכן צושטעלן לייזונגען פון א הויכע קוואליטעט פאר א ברייטע רייע פון מארקעטס און קליענט באדערפענישן.

ניו יארק סטעיט וועט צושטעלן 10 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאָר טעקס קרעדיטס פאר Cummins'ס לעצטע אינוועסטירונג. די קאונטי אָוו שעטאַקווע'ס אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטור (County of Chautauqua Industrial Development Agency, CCIDA) וועט גיבן א פטור פון ניו יארקע סעילס טעקס אין די ווערט פון 3 מיליאן דאלאר.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז פעלזן פעסט מיט איר פארפליכטונג צו ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע, און זי האט געפונען אן ערפינדנדע גרינע-ענערגיע שותף אין Cummins. דורכן פונדאסניי אויסשטאטן איר דזשעימסטאון מאטאר פאבריק צו פראדוצירן פארגעשריטענע מאטאר פלאטפארמעס, טוט Cummins נישט בלויז זוכן צו נאכקומען גלאבאלע עמיסיע סטאנדארטן, נאר זיי ווייזן אויך ארויס זייער אייגענע שטארקע איבערגעגעבנקייט צו די לאקאלע קאמיוניטי, די עקאנאמיע און די ענווייראמענט."

**Cummins דזשעימסטאון מאטאר פאבריק מענעדזשער, ענע דיבעל, האט געזאגט,** "אונזער פאבריק וואלט נישט געווען ערפאלגרייך אן די איבערגעגעבענע ארבייטער וועלכע שטעלן צו סערוויס פאר אונזער פירמע און קאמיוניטי יעדן איינציגסטן טאג. מיר זענען שטאלץ צו האבן אזא שטארקע אנוועזנהייט אין די קאמיוניטי און צו קענען שאפן א ווארעמע און ארייננעמיגע אטמאספערע פאר אונזערע מענטשן צו קענען זיין ערפאלגרייך."

די JEP דינט אויך אלץ א שטיצנדע עקאנאמישע טרייב קראפט אין די קאמיוניטי און ראיאן, אין שעה'ן פון וואלונטיר ארבעט דורך זייערע ארבעט און יערליכע וואוילטעטיגעביישטייערונגען פון 1 מיליאן דאלאר. די ערפינדנדע ארבעט און די ערשט-קלאסיגע פראדוקטן וואס JEP שטעלט צו פאר אירע קליענטן זאגט עדות איבער די איבערגעגעבנקייט וואס Cummins האט צו אויפשטעלן א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט און צו האבן א לאנג-בלייבנדע השפעה אויף די וועלט.

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש בארעלאָו האט געזאגט,** "Cummins האט א לאנגע היסטאריע פון ערפינדונגען און פון זיין א פירער אין מאטאר טעכנאלאגיע. די גרויסע אינוועסטירונג אין די דזשעימסטאון פאבריק איז גאר קריטיש צו פארזיכערן אז Cummins בלייבט פארגעשריטן אין א כסדר-טוישנדע גלאבאלע מארקעט. זיי זענען אויך א געוואלדיגע קאמיוניטי שותף און שטיצער. מיר זענען דאנקבאר פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שעטאַקווע קאונטי און צו די ראיאן. איך בין אויך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע און אנערקענונג פון די באמיאונג."

**אסעמבלי מיטגליד ענדרו גוּדעל האט געזאגט,** "Cummins איז א פארגעשריטענע פירמע וואס ברענגט דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט אין שעטאַקווע קאונטי. ארבייטער וועלכע ארבעטן ביי די טעכנאלאגישע פאבריק דארפן זיין שטאלץ צו העלפן אראפנעמען אונזער עקאנאמיע פון קארבאן — טרייבנדיג פאראויס די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. איך גראטוליר יעדן איינעם וואס איז פארמישט אין די מאדערניזירונגען וועלכע וועלן ערלויבן Cummins צו פראדוצירן די נייע 'פיוּעל-אגנאָסטיק' אינערליכע פארברענונג מאטאר פלאטפארמע דא אין מערב ניו יארק."

**שעטאַקווע קאונטי עקזעקיוטיוו, PJ ווענדעל, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך אז Cummins זעצט פאר צו אינוועסטירן און זיך צו פארברייטערן דא אין שעטאַקווע קאונטי. פאר קרוב צו 50 יאר, האט Cummins פארגעזעצט צו זיין איינס פון שעטאַקווע קאונטי'ס גרעסטע ארבעטסגעבער, און זי האט דאס גענומען גאר ערנסט צו אינוועסטירן אין אונזער לאקאלע קאמיוניטי. די כמעט 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט ווידער אויפלעבן און פאראויס טרייבן אונזער לאקאלע עקאנאמיע פאר נאך 50 יאר. עס זאגט עדות איבער אונזער איבערגעגעבנקייט און שווער-ארבעטנדע ארבייטער ביי די דזשעימסטאון מאטאר פאבריק."

**סיטי אָוו דזשעימסטאון מעיאר עדי סאָנדקוויסט האט געזאגט,** "Cummins'ס דזשעימסטאון פאבריק איז א הויפט עקאנאמישע טרייב קראפט פאר אונזער שטאט און ראיאן, און מיר זענען גאר באגייסטערט אז Cummins מאכט ריזיגע נייע אינוועסטירונגען אין זייער פאבריק דורכן מאכן נייע פראדוקטן און צושטעלן נייע דזשאבס אין די וואקסנדע גרינע טעכנאלאגיע אינדוסטריע. אינדוסטריאלע צענטערן ווי דזשעימסטאון זעהען נייע וואוקס און אינוועסטירונג וואס איז נישט געזעהן געווארן פאר צענדליגע יארן דורך גרינע מעניופעקטשורינג אינוועסטירונגען אויפן יבשה. איך בין פרייליך צו זעהן די צוזאמענארבעט צווישן די גאווערנער'ס אפיס, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט די קאונטי אָוו שעטאַקווע IDA און Cummins צו פארגרעסערן זייער אינוועסטירונג און פארפליכטונג צו אונזער ראיאן."

**קאונטי אָוו שעטאַקווע אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטור CEO, מארק גייס, האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ מיט די ראלע וואס די CCIDA האט געשפילט ביים העלפן Cummins Engine צו באשלוסן צו מאכן די ריזיגע אינוועסטירונג אין שעטאַקווע קאונטי. Cummins Engine איז א קריטישע עקאנאמישע טרייב קראפט אין אונזער ראיאן, און די אינוועסטירונג ווייזט ארויס אז זיי ווערן אויך געשעצט פון אינעווייניג אין די פירמע. עס איז א באמת'ע געשאנק פאר JEP'ס מענעדזשמענט מאנשאפט, ארבעטסקראפט און סופלייערס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418